28 וועלכער האָט אַלץ געלייגט אונטער אים. און ווען
אַלץ וועט זיין געלייגט אונטער אים, דעמלט וועט
אויך דער זון אַליין זיך אונטערטעניקן צו אים,
וועלכער האָט אַלץ געלייגט אונטער אים, כדי ג־ט
זאָל זיין אַלץ אין אַלעם.
29 ווען נישט, וואָס וועלן טון די, וועלכע זענען זיך
טובל פאַר די טויטע? אויבּ די טויטע וועלן גאָרנישט
אויפשטיין, פאַרוואָס זאָל מען זיך נאָך טובל זיין
30 פאַר זייערטוועגן? און פאַרוואָס שטייען מיר אין
31 סכנה יעדע שעה? איך שטאַרבּ טאָג טעגלעך, איך
שווער עס בּיי אייער בּאַרימונג, בּרידער, וואָס איך
32 האָבּ אינם משיח ישוע דעם האַר אונזערן. אויבּ
איך האָבּ געקעמפט פּשוט ווי אַ מענטש מיט די
ווילדע חיות אין עפעזוס, וואָס נוצט עס מיר? אויבּ
די טויטע שטייען נישט אויף, לאָמיר עסן און
טרינקען, וואָרום מאָרגן שטאַרבּן מיר! (ישעיהו כב, יג.)
33 בּאַטריגט זיך נישט אַליין; געמיינע רייד פאַרדאַרבּן
34 גוטע מידות. ווערט ניכטערן ווי עס געהער צו זיין,
און זינדיקט נישט; וואָרום אייניקע (צווישן אייך)
קענען נישט ג־ט; צו אייער חרפּה זאָג איך עס.
35 נאָר עמיצער וועט זאָגן: וויאַזוי שטייען די טויטע
אויף? און מיט וואָס פאַר אַ קערפּער קומען זיי?
36 דו נאַר, וואָס דו פאַרזייסט, ווערט נישט
37 לעבּעדיק געמאַכט, ווען עס שטאַרבּט נישט; און
וואָס דו פאַרזייסט, פאַרזייסט דו נישט דעם קערפּער,
וואָס וועט זיין, נאָר בּלויז אַ קערנדל, פיליכט פון
38 ווייץ, אָדער פון עפּעס אַנדערש. ג־ט אָבּער גיט
אים אַ גוף, ווי ער וויל, און יעדן איינעם זאָמען
39 זיין אייגענעם קערפּער. נישט יעדעס פליש איז
(איין און) דאָס זעלבּיקע פליש; נאָר אַן אַנדערס
(איז דאָס פליש) פון מענטשן, און אַן אַנדערס איז